געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

# פון פלאָצקער גאון

## הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

שבת הגדול-פסח
תשפ"ד
גליון צ'
שנה ג'

## שבת הגדול

### מיט'ן כח הצדקה איז מען מעורר די גאולה - און צדקה איז נאר בזכות שבת קודש וועגן דעם איז די עיקר נס באשטימט געווארן אויף "שבת הגדול

**ואם ימעט הבית מהיות משה ולקח הוא ושכנו הקרוב אל ביתו...** (שמות יב, ד)

דער מדרש זאגט (מכילתא בא פ"ה) **אז דער** טעם פארוואס דער אויבערשטער האט געהייסן נעמען דעם "פסח מצרים" פיר טעג פאר'ן שחט'ן איז וויבאלד די אידן זענען געוועןן ליידיג פון מצוות, האט ער זיי געגעבן "דם פסח" און "דם מילה" כדי זיי זאלן האבן א זכות אויסגעלייזט צו ווערן.

אבער לכאורה ווערט די קשיא בכלל נישט פארענטפערט, ווייל אפילו מ'האט געדארפט האבן "דם פסח" איז דאס נאכנישט קיין סיבה עס צו דארפן נעמען **פיר טעג** פריער, מ'וואלט עס געקענט נעמען י"ד ניסן און גלייך שפריצן די בלוט אויפן שוועל?!

נאר מ'קען זאגן, אז דא איז געווען א טיפערע כוונה מיט'ן נעמען דעם קרבן פסח י' ניסן. ווייל יעדעס מאל ווען דער אויבערשטער וויל משפיע זיין גוטס פאר אידן, מוז קודם קומען אן "אתערותא דלתתא" - אז די אידן אליין זאלן גוטס טון איינער מיט'ן צווייטן, און דאס איז מעורר מדה כנגד מדה אז מ'זאל זיין ראוי צו באקומען די חסדים פון אויבן.

וועגן דעם טאקע קענען די אידן נישט ווערן אויסגעלייזט פון גלות נאר דורך "**צדקה**", אזוי ווי דער אלשיך הקדוש זאגט אויפן פסוק "**צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה וְשָׁבֶיהָ בִּצְדָקָה**", אז אינ'אמת'ן "**ציון**" - ירושלים אליין - "**במשפט תפדה**" קען ווערן אויסגעלייזט **על פי דין**. ווייל די חרוב'ע עצים ואבנים פון ירושלים האבן א טענה: היתכן אז מענטשן זינדיגן, און די שטיינער ליידן?! אבער "**וְשָׁבֶיהָ**" - די געפאנגענע אידן, וואס האבן יא געזינדיגט, האבן בלויז איין עצה: "**בצדקה**" - צו טון צדקה איינער מיט'ן צווייטן. ווייל אזוי ווערט אויך נתעורר אויבן אין הימל די מידת צדקה, אז דער אויבערשטער זאל טון א צדקה און אויסלייזן די אידן.

וועגן דעם האט דער אויבערשטער געהייסן פאר יציאת מצרים: "**ולקח הוא ושכנו הקרוב אל ביתו**" אז מ'זאל נעמען דעם קרבן פסח **צוזאמען מיט נאך אידן**, כדי מ'זאל טון **צדקה** איינער מיט'ן צווייטן, אז דער וואס האט א שכן אן ארעמאן - זאל אים מיטציילן אויפן קרבן פסח, אזוי וועט די צדקה מעורר זיין אויבן אין הימל מידת **צדקה**, אז די אידן זאלן אויסגעלייזט ווערן פון מצרים.

אויב אזוי שטימט זייער גוט פארוואס דער אויבערשטער האט געהייסן נעמען דעם קרבן פסח י' **ניסן** און נישט ערב פסח ממש. ווייל היות ער האט דאך געוואלט אז די אידן זאלן טון **צדקה**, און ביי יציאת מצרים ממש זענען שוין נישט געווען מער קיין ארעמעלייט - ווייל אלע זענען רייך געווארן פון ביזת מצרים, ממילא האט ער מקדים געווען די מצוה פון "**ולקח הוא ושכנו**" אפאר טעג פריער, ווען ס'איז נאך געווען שייך צו טון צדקה.

מיט דעם ווערט פארענטפערט נאך א קשיא: דער טור זאגט (או"ח סי' תל) אז דער טעם פארוואס שבת פאר פסח הייסט "**שבת הגדול**" איז ווייל אין יאר פון יציאת מצרים איז י' ניסן געפאלן שבת, און ווען די אידן האבן צוגעבינדן דעם שעפסל צום בעט זענען די מצרים געווארן אין כעס, און דער אויבערשטער האט געמאכט א נס אז זיי האבן גארנישט געקענט טון פאר די אידן. פרעגן דארט די מפרשים (עי' בנו"כ שם) אז לכאורה וואלט מען געדארפט קובע זיין דעם נס אין י' **ניסן**, פארוואס האט מען דאס באשטימט דוקא אויף "שבת"?

נאר אינ'אמת'ן איז "**צדקה**" שייך נאר ביי אידן וואס ווערן אנגערופן "**בנים למקום**", משא"כ ביי גוים וואס ווערן אנגערופן "**עבדים**" איז נישט שייך קיין צדקה. אזוי ווי די גמרא זאגט (ב"ב י.) אז טורנוסרופוס הרשע האט געפרעגט רבי עקיבא: אויב ענקער גאט האט ליב ארעמעלייט, פארוואס איז ער זיי נישט מפרנס?! האט רבי עקיבא געענטפערט: דער אויבערשטער וויל אונז זאלן מיר געבן צדקה, כדי מיר זאלן ניצול ווערן פון גיהנום. האט ער צוריק גע'טענה'ט: אדרבה, אז ענק וועלן געבן צדקה וועט עטס חייב זיין גיהנום! ווייל א מלך וואס ווארפט אריין זיין **עבד** אין תפיסה, און איינער קומט אים דארט געבן עסן, וועט דען דער מלך נישט ווערן אין כעס אויף אים?! האט רבי עקיבא געענטפערט: יא יא, אבער א מלך וואס זעצט איין זיין **זון** אין תפיסה און איינער קומט אים דארט געבן עסן, איז אים דען נישט דער מלך מכיר טובה פאר'ן דערהאלטן **זיין זון**ביים לעבן?!

קומט אויס, אז נאר ביי אידן וואס הייסן "**בנים למקום**" פאַסט צו געבן צדקה, ווייל דער קעניג פריידט זיך אז מ'העלפט זיין זון. אבער פאר גוים וואס זענען אין א דרגה פון "**עבדים**" האט מען נישט קיין רשות צו געבן צדקה, ווייל דאס וועט אויפרעגן דעם קעניג.

יעצט וויאזוי באמת זענען די אידן זוכה צו הייסן "**בנים**"? דורך די מצוה פון שבת. ווייל חז"ל זאגן (ירושלמי נדרים פ"ג הי"ד) אז שבת איז **שקול כנגד כל התורה**, ממילא איז שבת די הויפט זאך וואס אין דעם איז תלוי די גאנצע תורה, איז אין דעם זכות זענען אידן **בנים למקום**, און וועגן דעם האט טאקע דער אויבערשטער געוויזן דוקא דורך די מצוה פון **שבת** אז אידן זענען **בנים למקום**, און גוי ששבת חייב מיתה, ווייל אן עבד דארף ארבעטן אָן זיך אפרוען, משא"כ פאר א בן מלך קומט זיך א יום מנוחה.

וועגן דעם טאקע האט מען באשטימט דעם זכר צו די נס דוקא אויף "**שבת הגדול**" - נישט אויף י' ניסן, ווייל יציאת מצרים האט דאך געקענט געשען נאר דורך "צדקה", וואס צדקה איז דאך נאר שייך וויבאלד מיר הייסן "**בנים**", און די מעלה פון הייסן בנים איז דאך בזכות מצות "שבת", ממילא איז "**שבת**" דער עיקר גורם פאר די ניסים פון יציאת מצרים.

דאס איז אויך די סיבה פארוואס מיר מאכן א זכר צו דעם אין אלע דורות, אנצוהייבן דעם סדר נאכט מיט "**כל דכפין ייתי ויכול**", און טיילן אסאך צדקה פאר פסח פאר ארעמעלייט, כדי די מצוה פון **צדקה** זאל אונז אויך ביישטיין אויסגעלייזט צו ווערן פונעם יעצטיגן גלות במהרה בימינו אמן.

*קומץ המנחה דרוש שלישי לשבת הגדול אות ד-ו*

# פסח

## די אידן האבן געמעגט טראגן די כלים ווייל די מצרים האבן געמאכט די עקירה - און וויבאלד זיי זענען געפארן על כנפי נשרים איז נישט געווען קיין איסור תחומין

**וה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום... ויסעו בני ישראל מרעמסס סכותה...** (שמות יב, לו-לז)

מ'קען מסביר זיין די סמיכות פון די צוויי פסוקים; ווייל בעצם איז שווער, די אידן זענען ארויס פון מצרים ט"ו ניסן, האבן זיי דאך נישט געטארט דעמאלטס טון קיין מלאכה וועגן יום טוב, אזויווי די תורה זאגט פארדעם (פסוק טז) "**וביום הראשון מקרא קודש**", און א זאך וואס איז נישט לצורך יום טוב איז דאך "אסור בהוצאה". איז בשלמא די אלע כלים און בגדים וואס די אידן האבן שוין אליינס גענומען האבן זיי דאך מסתמא געדארפט אויף יום טוב, איז עס דאך לצורך יום טוב. אבער אין פסוק שטייט דאך "**וישאילום**" - איז רש"י מסביר, אז די מצרים האבן געגעבן פאר די אידן אפילו וואס זיי האבן נישט געבעטן, אויב אזוי איז דאך דאס נישט געווען **לצורך יום טוב**, איז וויאזוי האבן זיי דאס געמעגט ארויסטראגן?! (דהיינו הוצאה מבית המצרי לרשות הרבים)

איז דער איסור "**הוצאה**" קען מען פארענטפערן, אז היות די מצרים האבן דאס געגעבן פאר די אידן אומגעבעטן, איז מסתבר אז די מצרים האבן דאס געגעבן פאר די אידן אין הענט אריין. אויב אזוי האט דאך דער מצרי געטון די "**עקירה**" מרשות היחיד, און דער איד האט נאר געטון די "**הנחה**", וואס ביי אזא אופן איז נישטא קיין איסור הוצאה דאורייתא.

אבער סוף כל סוף איז דאך דא אַן איסור "**תחומין**", ווייל זיי זענען דאך געגאנגען מער פון י"ב מיל, וואס דעמאלטס איז דאך שוין דא אַן **איסור תחומין דאורייתא**, איז וויאזוי האבן זיי געמעגט גיין יום טוב "חוץ לתחום"?!

נאר אויף "**ויסעו בני ישראל מרעמסס סכותה**" זאגט רש"י, אז פון רעמסס קיין סוכות איז א מהלך פון 120 מיל, און גאנץ כלל ישראל איז דארט אנגעקומען אין א קורצע צייט, אזויווי די תורה זאגט (שמות יט, ד) "**ואשא אתכם על כנפי נשרים**" אז דער אויבערשטער האט זיי געטראגן ווי אויף אן אדלער צו ברענגען קיין סוכות. קומט דאך אויס, אז די אידן זענען געגאנגען **אין די לופטן**, און "למעלה מעשרה טפחים" איז דאך נישטא קיין איסור "**תחומין**".

דאס איז די סמיכות פון די פסוקים: קודם זאגט דער פסוק "**ויתן ה' את חן העם בעיני מצרים**". פרעגט זיך דאך א קשיא: וויאזוי האבן זיי דאס געמעגט טראגן יום טוב? ענטפערט גלייך דער פסוק "**וישאילום**" אז די מצרים האבן געגעבן פאר די אידן בעל כרחם, ממילא איז נישט געווען קיין עקירה והנחה. איי ס'איז דאך דא א פראבלעם פון "**תחומין**"? אויף דעם זאגט די פסוק: "**ויסעו בני ישראל מרעמסס סכותה**" - וואס דאס איז דאך געווען "על כנפי נשרים" העכער צען טפחים, ממילא פאלט אויך אוועק די איסור "תחומין".

*קומץ המנחה פרשת בא*

# שיר השירים

## "מתוך שלא לשמה בא לשמה" - און דעמאלטס ווערט מתוקן אפילו די שלא לשמה

**עורי צפון ובאי תימן... יבא דודי לגנו ויאכל פרי מגדיו.** (ד, טז)

די גמרא זאגט (שבת סג.), אז ווער עס לערנט תורה **לשמה** אויף אים איז געזאגט געווארן "אורך ימים בימינה", און ווער ס'לערנט שלא לשמה, איז געזאגט געווארן "בשמאלה עושר וכבוד". למעשה איז אבער זייער שווער אנצוהייבן גלייך מיט "לשמה", וועגן דעם זאגן חז"ל (פסחים נ:) אז א מענטש זאל עוסק זיין בתורה ומצוות אפילו שלא לשמה, "שמתוך שלא לשמה בא לשמה", און דער תכלית איז אנצוקומען צום "לשמה", וואס דאס טוט אמת'דיג אויף.

דאס איז מרומז דא אין פסוק: "**עורי צפון**" אין אנהייב קען קומען די התעוררות צו תורה פון **צפון** זייט וואס איז לינקס (כשעומד למזרח, עדה"כ בתהלים פט, יג: "צפון וימין אתה בראתם") **דאס** ווייזט אויף "**בשמאלה עושר וכבוד**" פאר די וואס לערנען "**שלא לשמה**", און וועגן דעם איז די **שלחן** וואס איז מרמז אויף עשירות אויף **צפון** זייט, (הרוצה להעשיר יצפין). אבער דער תכלית איז; "**ובואי תימן**" אנצוקומען קיין דרום וואס איז רעכטס, דהיינו צו לערנען **לשמה** וואס איז מרומז אין "**אורך ימים בימינה**", און וועגן דעם איז די **מנורה** וואס איז מרמז אויף תורה אויף **דרום** זייט, (הרוצה להחכים ידרים).

און ווען מ'איז שוין זוכה צו לערנען לשמה, איז מען מתקן אויך די תורה וואס מ'האט פארדעם געלערנט שלא לשמה, ממילא "**יבוא דודי לגנו**" קומט דער אויבערשטער צו זיין גאָרטן - **די תורה**, "**ויאכל פרי מגדיו**" און אלעס איז **עושה פירות** - עס טוט אמת'דיג אויף, ווייל אפילו די שלא לשמה איז שוין פונקט ווי די לשמה.

*מלא העומר שיר השירים*


מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868


# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות






איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת


הגליון נתנדב ע"י

משפחת **באכנער** שיחיו
לע"נ אביהם הרה"ג **אליהו** ב"ר **יהושע דוד** ז"ל
יארצייט י"ז ניסן

זכות הפצת תורת הגה"ק מפלאצק זי"ע
יהא זכר ועילוי לנשמתו